לייזער ראַן

# אש

## פון ירושלים ד׳ליטע

ווילנער פאַרלאַג

ניו-יאָרק 1959

# בית עקד הספרים על שם
# ר׳ מתתיהו שטראשון בווילנה

„צום נוצן, צום נחת און צום כבוד פון אַלע ייִדן״, אַזוי האָט דער באַליבטער ווילנער ראש הקהל ד״ר יעקב וויגאָדסקי, אין קהלס נאָמען, רעקאָמענדירט דעם ווילנער אוצר הספרים צו דער ייִדישער וועלט. און ווי אַ ש י ל ד איז די רעקאָמאַנדאַציע געהאַנגען אויף די זייטן פון ספר הזהב, דעם איינשרייב־בוך פון די באַזוכער פון דער ביבליאָטעק.

„זיין אין ווילנע און נישט זיין אין סטראַשון־ביבליאָטעק, הייסט ווי נישט זיין אין ווילנע״, האָט דער פּעאיקער ייִדישער וויסנשאַפטלער, פריינד נפתלי ווייניג ז״ל, דעפינירט דעם „ענטפער״ און פאַרסך־הכלט אין באַזוכער־בוך די אַנגענומענע מיינונג, פון דער מערהייט באַזוכער פון ירושלים דליטא און איר בית עקד הספרים אויפן שול־הויף (1933).

און ווער נאָך, האָט די ווערט פון דעם אוצר הספרים געוואוסט אַזוי גוט ווי מיר, דער עם פון ספר אַליין — די סאַבּרעס פון ווילנער ירושלים?



די סטראַשון־ביבליאָטעק

און אָט בין איך אַצינד אַ גאַסט אין ווילנע־שטאָט. איך זוך און נישטער ירושלים ד׳ליטע צו דערזען און ענדלעך אין ווילנע — מיין ווילנע — צו זיין.

דראַפּע איך זיך ווי אַ קאַץ אויף דעם רעשטל טרעף וואָס איז פאַרבליבן פון אויסגעליידיקטן און אויפגעריסענעם בנין פון סטראַשון־ביבליאָטעק.

די אויסערלעכע ווענט שטייען נאָך גאַנץ, און זעען דאַכט זיך ניט מיט זייערע

בלינד געוואָרענע פענצטער־לעכער, אַז: אינעווייניק וואַלגערן זיך די פּאָדלאָגעס צוגיפגעקנוילט צוזאַמען מיטן דאַך און שטאַרצן ווי אַ לייטער פון אויסגע־חורבנטן קבר — טיף ביז אַריבער דעם געזימס פון חורבן און — אויב נישט נאָך העכער!

„אַ לייטערל צום הימל וועל איך שטעלן״ —

דרימפּלט אין נאַרישן קאָפּ אַן אַלטער ניגון, ווען די פיס מיט די הענט קלאַמערן זיך און שאַרן זיך אויף די געזימסן פאַזע די ווענט, צום איינציקן זייטיקן צימערל, וואָס איז גאַנץ געבליבן פון דער ביבליאָטעק.

אַן אויפגעריסענע אייזערנע שראַנק איז דאָ אַן אויסגעפּוסטעוועטע שטיין פאַרבליבן. צוערשט די געסטאַפּאָ מיט זייערע ליטווישע משרתים און נאָך זיי די גוטע שכנים האָבן אין דעם שראַנק דעם „יודע סטראַשונס״ באַוואוסטן אוצר געזוכט. און אומזיסט איז נעבעך געווען זייער ערלעכע מי און האָרע־וואַניע: פּאַרגעלטע פּאַפּירלעך פון מלך סאָבעצקיס יאָרן, האָבן די כיטרע, געלט־גיריקע זשידקעס דאָ געלאָזן. פאַרשטייט זיך, אַלץ כדי אָפּצונאַרן און פאַרפירן די האַרעפּאַשנע קאָסע־ברעכער פון יושר־זוכנדיקן גוייִשן בית־דין צדק.

אַפילו פון זשידאָווסקן שראַנק צו מאַכן אַ פּאָר גראָשן איז נישט מעגלעך געווען: צו שווער געווען די אייזערנע כלי אַראָפּצונעמען אַ גאַנצע פון די צע־בראָכענע שטיגן.

שטייט דער פוסטער שראַנק, ווי אַ לעצטער אייזערנער עדות פון אוצר, פון חורבן און פון פוסט.

„עס נעמט אַן אַ שרעק צו שרייבן ווייטער, זעענדיק דאָס, וואָס אונדזערע זיידעס האָבן אונדז איבערגעלאָזט״ האָט שלום אַש פאַרשריבן אין באַזוכער־בוך דעם איינדרוק וואָס דער ספרים־אוצר האָט אויף אים געמאַכט אין יאָר תרס״ה.

היינט, נעמט אַן אַ שרעק צו פאַרשרייב דעם סך־הכל, זעענדיק דאָס, וואָס פון אונדזערע זיידעס אוצרות איז געוואָרן.

„און וואָס זאָל איך שרייבן? שוויגן איז דאָס בעסטע — איך בין פול מיט באַוואונדערונג״, האָט דאָ לייוויק געחתמעט אין ערפורכטיקן שוויגן זיין באַ־וואונדערונג, אין 1925. מיט דער סמ׳יקער צייט־קאָרעגאַציע פון וואונדער אויף וואונדן — טויט וואונדן! — לאָמיר שליסן אין 1945 דעם ספר הזהב של בית עקד הספרים על שם ר׳ מתתיהו שטראַשון בווילנה, וואָס איז פאַרשוואונדן פון דאַנען, צוזאַמען מיטן אוצר הספרים און בעלי הספרים.

•

. . . און איך זוך ווייטער.

כ׳קוק נאָך אַמאָל אַריין אין פוסטן שראַנק און — וואונדער איבער וואונדער: אויף דער העכסטער פּאָליצע טוליעט זיך אין אַ ווינקל אַ דינינקע בראָשור, אַ חיבור פון בשעתו באַקאַנטן ווילנער יידיש־העברעאישן משכילישן שרייבער יהושע הלוי מ ז ח — „פרחי אָביב״.

אונטערן שראַנק, געפין איך נאָך אַ צעקנאָדערטן, פאַרשמוצטן בויגן פון אַ צעטראָטענעם גוייִשן ראָמאַן, וואָס האָט געהאַט דאָס גרויסע אומגליק איבער־דערציילט צו ווערן מיט יידישע אותיות.

און שוין. וויפל איך גראָב נישט און נישטער נישט אין מיסט אַרום, כ׳גע־פין נישט מער קיין סימן און קיין זכר פון קיין הייליקן ספר, נישט פון קיין וועלטלעכן בוך. פון די פערציק טויזנט קאַטאַלאָגירטע ספרים און פון גרויסן לאַגער, וואָס האָט נאָך געוואַרט אויף דער קאַטאַלאָגיזאַציע, פון דעם גאַנצן עקד הספרים „וואָס אַזאַ מין יידישן אוצר, ווי די דאָזיקע ביבליאָטעק, האָב איך ניט געזען ניט נאָר אויף דער וואָר, נאָר (אַפילו) ניט אין חלום״ (שלום עליכם, תרס״ה) — אַ פאַרוועלקטע בלוט פון משכילישן פריילינג, אַ צעטראָטענער בויגן גוי, וואָס האָט איבערגעטראָטן דעם ראַסן־שאַנד־גדר אויף דער יידישער זייט, און אַרום — מדבר־וויסט און נאַצי־חורבן.

דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געפונען.

דער ערשטער, איז פון דאַנען פאַרשוואונדן דער לעצטער אייניקל פון ביב־ליאָטעק־גרינדער, דער לעצטער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטער יצחק סטראַשון.

ווי נאָר ער האָט דערזען ווי די „נייע אָרדענונג״ האָט אָנגעהויבן די נאַצישע יודען־סעגרעגאַציע צווישן די ספרים: רעכטס — קיין דייטשלאַנד. לינקס — אויף מאַקלאַטור אין דער ווילייקער פאַפיר־פאַבריק. האָט ער נישט צו זיין קיין טויטער ציגל אויף דער שאַנד־וואָג, זיך אויפגעהאַנגען אין דער מיט, אויף די רצועות פון זיינע תפילין — אַ לעבעדיקער אויסרוף־צייכן פון פראָטעסט.

אַ לאַנגן יודען־וועג, האָט דער אוצר הספרים דורכגעמאַכט ביז זיין ענד־גילטיקע פאַרניכטונג.

דער ערשטער נאַצישער שליח, איבערצונעמען די ווילנער יידישע קולטור־אוצרות אונטער דער אַרישער לייטונג, איז געווען דער בערלינער פּראָפעסאָר



אין לייען־זאַל פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק
דער ערשטער רעכטס, שטייט דער ביבליאָטעקאַר ר׳ חייקל לונסקי

פאַר יודאַאיסטיק ד״ר גאָטהאַרד. מיט דער הילף פון דער דייטשישער געסטאַפּאָ־וויסנשאַפט האָט ער איינגעזעצט על תורה ועל יסורים די באַקאַנטע יידישע געלערנטע דעם שפּראַך און ליטעראַטור־פאָרשער אדוו. נח פּרילוצקי ע״ה און דעם שרייבער און לערער אליהו יעקב גאָלדשמידט ז״ל. דורך די טעג האָבן זיי געדאַרפט מאַכן די רשימות פון די אינקונאבלען, אוניקומס, ווערטפולע דרוקן און כתב־ידן פון סטראַשון־ביבליאָטעק, ייווא און אַנסקי־מוזיי. און ביינאַכט, חתמענען די רשימות מיט זייער בלוט אויף די פאַרהערן אין זייער נייער גע־סטאַפּאָ קעלער־וואוינונג.

ווען די טינט־רשימות זיינען פול־געוואָרן, איז ד״ר גאָטהאַרד אָפּגעפלויגן מיט זיי קיין בערלין אין ראָזענבערג־שטאַב. דער לעצטער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון ווילנער ייווא נ. פּרילוצקי, און דער וויסנשאַפטלעכער סע־קרעטאַר פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט א. נ. פון ש. אַנסקי א. י. גאָלדשמידט, זיינען פאַרבליבן אין געסטאַפּאָ, די בלוט־רשימות צו פאַרפילן. לאַנג נאָך האָבן זיי געבלוטיקט אויף די געסטאַפּאָ־עקזעקוציעס, ביז זיי זיינען בלוטלאָז אָפּגעוואָרן געוואָרן און שפּורלאָז פאַרשוואונדן.

דעם 14טן אויגוסט 1935 האָט מיין איבערגעגעבענער לערער און האַרציקער פריינד א. י. גאָלדשמידט אַריינגעשריבן אין באַזוכער־בוך פון סטראַשון־ביבליאָטעק:

„אַן קולות וברקים, שטיל און באַשיידן אָנגעזאַמלט אַן אוצר קולטור־ווערטן, וואָס איז דער גרעסטער כבוד פאַר דער גאַנצער יידישער ווילנע און וואָס איז אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון יידישער חכמה פאַר אייביקע דורות״.



די חורבות פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק

אויפן אומבאַקאַנטן ברודער־קבר פון אונדזערע צוויי טאַלאַנטפולע וויסנ־שאַפטלער, שרייבער, לערער און געזעלשאַפטלעכע טוער: נח פרילוצקי און אליהו יעקב גאָלדשמידט ז״ל, לייענען זיך אַצינד די שורות ווי די עפּיטאַפּיע־אויפשריפט לזכרון זייער פולבלוטיקן שעפערישן לעבן און רייכער גייסטיקער ירושה.

די צווייטע דייטשישע „קולטור־כוואַליע״ אין ווילנע, איז געווען אַ גאַנצע בריגאַדע היטלערס פּראָפעסאָרן פון ראָזנבערג־שטאַב, מיט דעם אָבער איינזאַץ פיורער ד״ר מיולער אין דער שפּיץ.

די ספרים פון סטראַשון־ביבליאָטעק, צוזאַמען מיט די ספרים־זאַמלונגען פון אַלע יידישע קלויזן און בתי מדרשים האָבן נאָכגעפאָלגט דעם אַלגעמיינעם יידישן גורל. אַלעמערשטן, זיינען זיי איבערגעזידלט געוואָרן אין אַ ספּעציעלע יודען ביכער־געטאָ. דאָרט, האָט אַ בריגאַדע געטאָ־יידן אויסגעסאָרטירט די ספרים לויט זייערע ווערט־שיינען: די יאָרן פון זייער דערשיינען.

און דער נאַציסטער יודען־קענער עס־עס־מאַן פון דער יודען־וויסנשאַפט ד״ר פּאָל, דער געוועזענער תלמיד פון ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט פּערזענלעך דורכגעפירט די לעצטע סעלעקציע פאַר זייער ענדגילטיקער אויסזידלונג. אַ קליינער פּראָצענט פון נאָך ווערטע יודען־דרוקן און מאַנוסקריפּטן אין ד״ר פּאָלס אונטערגעאָרדנטן פראַנקפורטער נאַציסטער מוזיי צו באַשמוצן די מזרח־פעלקער. און דער כלל האָט געדאַרפט טיילן דעם אַלגעמיינעם גורל פון צום טויט־פאַרמשפּטן ווערטלאָזן יידן־שטאַם, אין ווילייקער ספרים־פּאַנאַר.

אונדזער טייערער שלמה זנוויל ראַפּאָפּאָרט, ווען ער האָט נאָך געבלאָנקעט אויף די יידן־חורבות פון גאַליציע, האָט דעם דייטשישן „דיבוק״ פאָרויסגעפילט. און אין איינשרייב־בוך פון סטראַשון־ביבליאָטעק פאָרויסגעזאָגט, אין יאָר תרע״ט, דעם המשך קומט פון יידן־חורבן. און אויב ער האָט ניט דערזען, דער קלוגער וויסער קאָפּ מיט די דורכדרינגלעכע אויגן, דעם פולן פאַרנעם פון אַנטקעגנ־גייענדיקן שוידערלעכן אומגליק, האָט ער דערפאַר אָבער אין דער פולער מאָס אָפּגעשאַצט דעם על תירה מפחד פתאם־ענטפער, מיט וועלכן דאָס אין בלוט און טרערן אויסגעפּרוּווטע יידישע פאָלק, וועט זיין טאָטאַלער פאַרניכטונג דאָך אַנטקעגנשטיין:

„איך וועל זיך אַ האָר ניט וואונדערן, אויב ביי איצטיקער משונהדיקער צייט וועט מען ניט דערגיין ביז די אַמאָליקע גזירות צו פאַרברענען דעם תלמוד אָדער אויסראָטן פון די יידישע ביבליאָטעקן אַלע „אָבערגלויבערישע״ ספרים. די מענטשלעכע געשיכטע חזרט זיך איבער. אָבער איך פאַרגעס קיין מאָל ניט דעם אַלטן גרייז־קלונג „אל תירה מפחד פתאם״. די עמודים פון אונדזער פיר טויזנט יעריקער קולטור זיינען געגוג שטאַרק און זיי וועלן אויסשטיין דעם אָנפאַל פון יעדער אינקוויזיציע אין וועלכע בגדים זי זאָל זיך ניט פאַרקליידן. דערהויפּט אין די „נשמה פון פאָלק״, און זי איז אומשטערבלעך. אַ גליענדן פונק פון דער נשמה, פיל איך דאָ אין דעם גרויסן בית אוצר הספרים של שטראַשון״. — ש. אַנסקי.

היינט, ביים בלוטיקן חשבון־הנפש פון גרעסטן יידישן פאָלקס־חורבן, קאָנען מיר מיט ציטערדיקע הענט פאַרשרייבן די מסורה לדורות:

די נשמה פון פאָלק האָט געלעבט און געקעמפט פאַרן לעבן ביזן לעצטן

ייד אין דער מאַלינע און אַן אויסגעלייטערטע, בקדושה וטהרה, טראָגט איר דאָס שארית פּאָלק איינגעפּאַסט אין האַרץ פון זיין ליכטיקער צוקונפט צו דער אייביקייט.

אין פיר טעג אַרום ווי די יציאה פון דער פאַרכאַפּטער שטאָט אין דער געשענקטער געטאָ האָט זיך פאַרענדיקט, איז אין דער נייער יידן־היים צוריק אויפגעשטעלט און דערעפנט געוואָרן אַן אוצר הספרים בגעטאָ ווילנה. און ממש ווי אַ סימבאָל — אויף דער יידן־גאַס על שם ר׳ מתתיהו שטראַשון.

פון די אָפּגעפונענע ביכער אין דער געוועזענער „מפיצי השכלה״־ביבליאָטעק גופא, צוזאַמען מיט די הונדערטער ביכער וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די געטאָ־גאַסן און אין די אָפּענע הייזער, וועמעס איינוואוינער זיינען שוין געווען אויף פּאָנאַר, איז די ביבליאָטעק צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן. און אין פאַרלויף פון אַלע בלוטיקע געטאָ־טעג, איז דער אוצר קאָמפּלעטירט געוואָרן און געוואַקסן.

צוערשט, פון ביכער און ספרים וועלכע די געטאָ־אַרבעטס־בריגאַדעס פלעגן אָפּגעפינען ביי זייער אַרבעט אין שטאָט און אַריינמאַלינעווען מיט אַן איינגע־האַנדלטן בוריק אָדער אויף אַ קלייד פאַרטוישטן שטיקל ברויט אין געטאָ־לאַנד.

שפּעטער, ווען די געטאָ־פּאָליציי האָט איינגעפירט אַ צענזור אין געטאָ און אַלע ביכער אין פּריוואַטן באַזיץ האָבן געדאַרפט האָבן דעם צענזור־שטעמפּל, אַז דאָס בוך איז דערלויבט פאַרן באַנוץ אויף דער געטאָ־טעריטאָריע, האָבן הונדערטער קראַמאָלנע ביכער און ספרים, נאָך דער צענזור־רעגיסטראַציע אי־בערגעוואַנדערט און פאַרבליבן אין געטאָ־ביבליאָטעק.

שפּעטער — גייען פרישע טראַנספּאָרטן יידן אויף פּאָנאַר און — שוין דער־לויבטע פעקלעך ביכער פון פאַרשוואונדענע באַלעבאַטים, וואַנדערן איבער אין אוצר הספרים.

רב חייקל לונסקי ז״ל, דער אַלטער שומר הספרים און דער לעבעדיקער קאַטאַלאָג פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק צוזאַמען מיטן יונגן וועכטער פון יידישן בוך פון דער וואַרשעווער גראָסער־ביבליאָטעק הערמאַן קרוק ע״ה האָבן די געראַטעוועטע ביכער און ספרים איבערגענומען ווי טרייע טאַטע־מאַמע. אויסגעגלעט, אויסגעצערטלט, אויסגעסדרט און צוזאַמען מיט דער ספרים־משפּחה געשטעלט אין פאָלקס־דינסט פון קדושים עם הגעטאָ.

אין געטאָ־תפיסה־מויערן הענגען נאָך די פּלאַקאַטן — שיר המעלות מירושלים ב׳געטאָ: יידיש און העברעאיש דראַמטעאַטער, רעוויו־טעאַטער, גרויסע און קליינע כאָר־אַנסאַמבלען. קליינקונסט און גרויס־קונסט — די טייערע צייט, האָט געדאַרפט שנעל שנעל אויסגענוצט ווערן: פּאָנאַר האָט נישט געוואָלט וואַרטן און צום געטאָ־טויער אירע עס־עס מחבלים געשיקט. שול־וועזן: פּאָלק־שולן, מיטל־שולן, ישיבות און —אַ געטאָ וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, מיט סעקציעס, וואו די צום טויט־פאַרמשפּטע אַנטוויקלען די הומאַניסטישע מענטש־לעכע וויסנשאַפטן: פילאָסאָפיע און סאָציאָלאָגיע, כעמיע און פיזיק, נאַטור־וויסנשאַפט און מאַטעמאַטיק, פילאָלאָגיע און ליטעראַטור־געשיכטע. און די קאַנדידאַטן פאַר דער נאָענטסטער פּאַרטיע קיין פּאָנאַר, גרייטן מיט התמדה זייער לעצטע קונסט־אויסשטעלונג, די לעצטע פּאָפּולערע לעקציע פאַרן פאָלקס־

געזונט: ווי מען פאַרהיט זיך פון בויך־טיפוס — פאַרן טויט. און דאָס געטאָ־פאָלק? די געלע שיינען־באַזיצער מיט די בלאָע משפחה־מיטגלידער, פאַרמאַ־ליגעוועטע אומלעגאַל נאָך לעבעדיקע אַלטע און יוגנטלעכע, איילן פון די מאַ־ליגעס צו די פאָרלעזונגען, רעפעראַטן און קאָנצערטן. פאַטשן בראַוואָ, לכבוד די אויסגעטיילטע געטאָ־פרעמיעס און באַגריסן פריידיק די געטאָ־לאורעטן. און — אויף ווילנער גאַס 12 גיסן שוין באַנדעס איפּאַטינגאָס אין זיך פלעשלעך מיט ביטערן מוט פאַר אַ נייער יידן־אַטאַקע.

וועלט, וועלט, גרויסע וועלט! — אין לעצטן טאָג פאַר דיין אומקום, ווערסטו כאָטש גרייכן דעם זוים פון יענער גייסטיק־מאָראַלישער הויך, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעלעבט, דאָס צום טויט פאַרמשפּטע יידישע געטאָ פאַר איר פּטירה?!

און צווישן איין דורכגעזיפּטער טויט־אַקציע און אַ צווייטער אין דערוואַרטונג, פייערט דאָס געטאָ־פאָלק די נצחונות פון עם הספר אין געטאָ:

דאָס אַרויסגעגעבענע צען טויזנטדיקע בוך אין דער געטאָ־ביבליאָטעק.




דאָס אַרויסגעגעבענע הונדערט־טויזנטדיקע בוך אין געטאָ־ביבליאָטעק.

די צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער אין געטאָ־ביבליאָטעק, האָבן שוין לאַנג אַריבערגעיאָגט די צאָל אַרויסגעגעבענע יידן פונעם געטאָ־טויער.

און דער קאַמפּס־געוועט צווישן לעבעדיקן יידישן גייסט און פאַרפייניקטן יידישן גוף גייט אָן אונטערבראָכן!

„ווילנע איז נישט קיין שטאָט, נאָר אַ רעיון".

האָט וו. לאַצקי־בערטאָלדי, אַריינגעשריבן זיין דעפיניציע־ווילנע אין 1929 אין באַזוכער־בוך פון שטראַשון־ביבליאָטעק:

„ווילט איר באַשיימפּערלעך זען דעם רעיון, גייט אין סטראַשונס ביבליאָ־טעק".

און ווילט איר באַשיינפּערלעך זען, ווי דער ווילנער רעיון, האָט צו ירושלים של מעלה דערגרייכט:

גייט אין דער ביבליאָטעק פון דער ווילנער געטאָ.

מיט דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ — כ"ג אלול תש"ג, איז אונטערגעגאַנגען דער ווילנער אוצר הספרים און — נישט אונטערגעגאַנגען! אַלע ארבעים מיתות נאַצי־לית דין ולית דין זיינען די יידן־ספרים אַדורך — ווי זייערע בעל־הספרים — און לעבן געבליבן! מיטן זעלבן ווינט, וואָס האָט צע־טראָגן בכל תפוצות ישראל דעם אַש פון ווילנער גוף, האָט דער ספר אַהין דער־טראָגן, דעם לעבעדיקן ווילנער יידישן גייסט.

עס לעבן, דאָס רוב פון די אָוועקגערויבטע קאָסטנס ספרים און כתב־ידן פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק. פון נאַצישן פראַנקפורט זיינען זיי אומגעקערט געוואָרן דעם ווילנער ייוואָ־יורש אין ניו־יאָרק, דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים און טיילוויז „פאַרבלאָנדזשעט" אין די סאָוועטישע ביבליאָטעקן אין מאָסקווע, לענינגראַד, טאַשקענט און סאַמאַרקאַנדער אוניווערסיטעט.

אַפילו פון מאַקלאַטור־באַרג, וואָס איז געלעגן אַ פאַרמשפּטער פאַר ווילייקע, איז ד. גל. אָפּגעראַטעוועט געוואָרן עטלעכע צענדליק טויזנט ספרים, ביכער און צייטשריפטן פון אַלע ווילנער יידישע ביכער־זאַמלונגען און זיי געפינען זיך צוריק אין ווילנער יידישן מוזיי, און דער יידישער מוזיי אין דער אויסגעמאָרדע־טער יידישער שטאָט, איז ווי אַ סימבאָל, צוריקגעבאָרן פון זיין אייגן אַש אין זיין זעלבער געטאָ־הויז און אויף דער זעלבער גאַס, וואָס איז על שם ר' מתתיהו שטראַשון.

וואָלט נאָר געווען פאַרבליבן אין ווילניוס, אָדער געקאָנט צוקומען אַהין, אַ בעלן אויף יידישע ביכער און ספרים, וואָלט ער נאָך טויזנטער און צענדליקער טויזנטער געקאָנט אויסקויפן ביי די ליטווישע און דערעיקרשט ביי די פּוילישע איינוואוינער, וועלכע האָבן זיך רעפּאַטריאירט קיין פּוילן. דערין, אַ גרעסערע זאַמלונג ספרים פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק אין דער ווילנער מלוכה־ביבליאָטעק און קלענערע זאַמלונגען, אין עטלעכע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע ביבליאָטעקן.

„היינט, דעם 10טן מאַי 1933 יאָר, ווערן אין דייטשלאַנד אונטער קלאַנגען פון מוזיק פאַרברענט יידישע ביכער, אויף די שייטערהויפנס.

איר פאַנאַטישע נאַראָנים! גייט אין ווילנע אויפן שול־הויף — קענט איר דאָס

אַלץ פֿאַרברענען? איר קענט נאָר אונדזער קערפּער דערגרייכן אָבער ניט דעם יידישן גייסט".

אַזוי, האָבן די צווי באַקאַנטע יידישע וויסנשאַפֿטלער און ליטעראַטור קענער ד"ר שמואל ווייס און משה שאַליט ז"ל, ביים טרויעריקן אָפּשיין פֿון אָנגעצונדענעם נאַצי־שייטער, געחתמעט זייער ענטפֿער און זייער גלויבן, אין ספר הזהב פֿון סטראַשון־ביבליאָטעק.

און אַט, זיינען שוין די „פֿאַנאַטישע נאַראָנים" געקומען אויפֿן שול־הויף און אַ סך, אַ סך ווייטער אַוועק. און זייער פֿאַרניכטונגס־פּלאַם האָט אָפּגעווישט נישט נאָר דעם ספרים־אוצר, נאָר דעם שול־הויף מיט דער גאַנצער יידן־שטאָט און יידן־וועלט אַרום און אַרום.

אַלץ איז פֿאַרוויסט און פֿאַרלענדט. יעדער סימן יידישקייט איז דאַכט זיך אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

און אין דער פֿאַרלענדונג איז ד. גל. פֿאַרשוואונדן דער ספר הזהב פֿון דער ביבליאָטעק. דער אוניקום־לעקסיקאָן, מיט די אָריגינעלע שאַרפֿזיניקע אַרויסזאָגונגען, געדאַנקען, מיינונגען, אַנאַליזן, סך־הכלען, אויספֿירן, זעאונגען און פֿאַרויסזעאונגען: וועגן עם און ספר. וועגן יידישקייט און וועלטלעכקייט. וועגן פֿאָלקס־קיום און ירושלים ד'ליטע, וועגן גרויסן ווילנער אוצר הספרים און נאָך גרעסערן אוצר פֿון בעל הספרים א. אַנד. וואָס האָבן אייגנהענטיק געהאַט צוגעטראָגן און אַריינגעטראָגן די גרויסע פּילפּאַרביקע פּלעיאַדע באַזוכער — אונדזערע גייסטיקע גדולי הדור: דער חפץ חיים, מענדעלע מוכר ספרים, ח. נ. ביאַליק, ש. דובנאָוו, מאַרק שאַגאַל, י. צינבערג, באַראָן גינזבורג, הרכבי, מ. מ. אוסישקין, ד. בערגעלסאָן, ז. רייזען, ל. יפה, וו. מעדעם, י. ד. ברקוביץ, ד"ר י. שיפּער, ז. סעגאַלאָוויטש, י. אָפּאַטאָשו, ז. שניאור, ש. ניגער, הערמאַן קאָהען, בעל מחשבות, ד"ר קאַרלעבאַך, ב. וולאַדעק, יעקב כהן, ריינגעלבלום, הרב הצעיר, ז. זשאַבאָטינסקי, אברהם מאַרעווסקי און — נאָך צענדליקער און הונדערטער שיינגייסטער אונדזערע, וואָס זיינען מיט קליינע גליקלעכע אויסנאַמען שוין היינט אַלע פֿאַרשוואונדן.

און דער יידישער גייסט און דער ווילנער רעיון לעבט.

ער לעבט נאָך אַפֿילו דאָרט אין ציגל און שטיין פֿון די חורבות.

ער לעבט, אויף די מאַרק־האַלעס און קרעמלעך, וואו ס'איז היינט דער גרעסטער אָפּגאַנג פֿון יידישן ספר און בוך אין ווילניוס־שטאָט. מיט אַלע מינים איינקויפֿן: פֿון הערינג ביז סמאַלע, פֿון דינעם זיידנס ביז וואַרעמען בלוטיקן פֿלייש פֿון דער לאַם, צעגייען זיי זיך ביסלעכוויז צוריק אין די פֿאַרנומענע היזער פֿון זייערע געוועזענע לייענער און פֿאַרערער.

ער לעבט, אויף יעדן איינזאַמען טישל פֿון אַן איינזאַם פֿאַרבליבענעם ווילנער אָבל אין קבר־שטאָט. נישטאָ קיין יידיש הויז אין ווילניוס, וואו עטלעכע ביכער אָדער ספרים, זאָלן נישט ליגן אָפּגעראַטעוועט און אַדאָפּטירט.

ביי איין חבר, האָב איך געפֿונען אַ טייל פֿון אַרכיוו און פּיעסן־ביבליאָטעק פֿון ווילנער מאַריאָנעטן־טעאַטערל „מיידים". ביי אַ צווייטן, אַ הויכן סאָוועטישן באַאַמטן, עטלעכע גמראָס און אַלטינקע מוסר־ספרים פֿון סטראַשון־

ביבליאָטעק, אין וועלכע ער קאָן קוים אַ וואָרט איבערלייענען נאָר — גאָרנישט פאַרשטיין.

פאַרוואָס טראָגסטו זיי נישט אַריין בעסער אין יידישן מוזיי, האָב איך אים געפרעגט פאַרוואונדערט ?

כ׳ווייס, האָט ער זיך דערפילט עפּעס ווי געטראָפן פון מיין פראַגע, זאָלן זיי נאָך דערווייל זיין ביי מיר. מיט זיי — האָט ער אַראָפּגעלאָזן זיין איינזאַמען קאָפּ, נישט צו קוקן מיר אין די אויגן — מיט זיי, איז עפּעס היימישער צו זיין צוזאַמען...

די פאַרבליבענע ספרים, פאַרבייטן היינט יידן — משפחה און קהל — אין ווילניוס.

עס לעבט נאָך דער ווילנער רעיון אין ווילניוס.

אַפילו אין די פאַרפּעצטע, פאַרבלוטיקטע, אויסגעריסענע ביכער בויגנס און גמרא קונטרסים וואָס וואַלגערן זיך אויף יעדן גויישן מיסט.

שמות, וואָס טראָגן זיך מיטן געוואָי פון הפקר־ווינט באַגלייט, אויף די שמוציקע, צעבראָכענע גאַסן און געסלעך. פלאָנטערן זיך אונטער די פיס און לאָזן מיט זייערע צעריסענע, צעפליקטע און פאַרבלוטיקטע יידישע אותיות, נישט פאַרגעסן דעם לעבן און טויט פון דער ווילנער עדה, דעם אייביקן לעבן פון יידישן אות.

אין אַ זאַווערוכע אויף אַ טויטער יידישער גאַס אין מיין חרובער היימשטאָט, אין פּאַפּירן געווירבל און ווינטן געוואָי, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר דער רעאַלער זין און אינהאַלט פון ברענענדיקן סנה : — דער דאָרן פון אייביקער יידישקייט :

דער דאָרן, וואָס ברענט און ברענט און ווערט נישט פאַרברענט !

„ראיתי ושמחתי״. האָבן נחום סאָקאָלאָוו און דוד וואָלפסאָן אַריינגעשריבן תמוז תרל״ט, אין „ספר הזהב״ פון דער לעבעדיקער סטראַשון־ביבליאָטעק.

„בשובי לוילנה אחרי כ״ז שנה, מצאתי שוב מרתפי העוני ובתוכם הרוח הגנוזים בספרית שטראַשון. אָכן, בדמיך חיי ! ״ — ב.כצנלסון, חשון, תרצ״ד.

און איך האָב געזען און געשמאַכט אויפן חורבן : בשובי לווילניוס אחרי עשר שנים מצאתי — על עמק הבכא. אכן, בדמיך חיי ! — כסל״ו, תש״ו.

# אַ באַגעגעניש פון ראַמײַלעס ישיבה מיט ייוואָ

אייגנטלעך צוויי באַגעגענישן: אַפּריל 1934 און — נאָוועמבער 1945.

טאַקע ביי דער אומדערוואַרטער צווייטער באַגעגעניש האָב איך זיך פון דער אויסטערלישער ערשטער דערוואוסט.

דאָס איז געווען בעת דער פּרץ מאַרקיש־אַקאַדעמיע אין בנין פון געוועזענעם פּוילישן ליטוניא־טעאַטער אויף געדימינאַס־דיוועו (געוו. מיצקעוויטש גאַס). דער בעל־שמחה אַליין, איז צו דער מיט אַזוי פיל מי און פּראַקטיקע אויסגע־קעמפטער קולטור־פייערונג אויף יידיש אין ווילניוס נישט געקומען.

„צוליב נישט פאַרויסגעזעענע סיבות האָט דער גרויסער סאָוועטיש־יידישער דיכטער, דער לעבין־אַרדן־טרעגער פּרץ מאַרקיש, ליידער נישט געקאָנט קומען צו זיין יום־טוב אין דער באַפרייטער ווילניוס", האָט דער פאַרזיצער שטיל און טרויעריק דערעפנט די מאַרקיש־אַקאַדעמיע און יעדער וויטערדיקער רעדנער האָט מיט זיין פאַרזיכטיק־אויפגעשטעלטע רעדע־רישטאָוואַניע פון טראַ־פאַרעטע סאָוועטישע פראַזן און זאָגעכצן (ווי זיי וואָלטן מיטן הוילן פוס געטראָטן אויף שטעכיקע גלאָז־שערבלעך), דעם טרויער און אומעט אין זאַל נאָך גע־דיכטער מאַכט, ביז „דער פייערלעכער אַקט פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור אין ווילניוס" האָט באַקומען אַ שטוינענדע ענלעכקייט צו אַ הזכרה אין קברנישע קלויז.

דערפאַר איז געווען רוישיק און לעבעדיק אין גרויסן טעאַטער־פאָיע. יידן האָבן דאָ אַרומגעשמייעט פון איין ווינקל אין אַ צווייטן פון איין רעדל צו אַן אַנדערער און אומעטום האָט מען זיך געדריקט הענט, געאַרעמט, געקושט און אייליק אָפּגעגעבן און אָפּגענומען גרוסן פון דער מעשה שהיה פון „יענע טעג"...

— עי, חברל, חברל! האָט עפּעס אַ פינצטערער ייד, מיט אַ פאַרוואַק־סענעם פּנים מיר נאָכגעשריען העכער פון דער דאָ געוויינלעך אָנגענומענער שטילער שעפּטשעריי. קיינער שרייט אַצינד נישט אין ווילניוס, ווי מען וואָלט מורא האָבן, חלילה, וועמען אויפצוואועקן אויף פאַנאַר. ווילנדיק נישט ווילנדיק האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, צו איבערצייגן דעם אומבאַקאַנטן יידן, אַז ער מאַכט אַ טעות און פאַרבייט מיר מסתמא מיט זיינעם אַ געוועזענעם באַקאַנטן.

— זייט מוחל, — איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, אַ ווייל אָנגעקוקט אין פּנים און אַ פרעג געטאָן:

— איר זייט ניט קיין געוועזענער ייוואָניק?

— אַ געוועזענער וואָס? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען זיין פראַגע.

— אַ געוועזענער לערנער, צי אַן עסקן פון יידישיסטישן סטעטוט הינטער מכבי־פּלאַץ.

— לאָמיר זאָגן, אַז יאָ, וואָס איז דען?

— נו, איז ערשטנס, שלום־עליכם אַ ייד! גאָט צו דאַנקען אַז מען זעט צאַך כאָטש אויף קבר אָבות. און צווייטנס, האָב איך פאַר אייך אַ שטיקל גרוס צי אַן אָנדענקונג, רופט דאָס ווי איר ווילט.

— פאַר מיר, אַ גרוס מיט אַן אָנדענקונג — פון וועמען?! ווער איך שוין טשיקאַווע.

דער חושכדיקער ייד איז אַ נאָך מער חושכדיקער פאַרפעצטער סאָוועטישער טעלאַגרייקע, ראַיעט זיך לאַנג אין זיינע „פאַטאַיעמנע" קעשענעס ערגעץ הינטערן אונטערשלאַק, (וואו ער האַלט פאַרבאָרגן פון אַ פרעמד אויג און אַ גנבישער האַנט זיין אייגנס, די דאָקומענטן מיט די פאָר רובל), ביז ער שלעפּט אַרויס אַ פאָטאָגראַפיע און גיט זי מיר איבער:

— אַנו, איר דערקענט?

— איך קוק אָן דעם בילד — אַ פאָטאָגראַפיע פון דער שלום־עליכם־אויסשטעלונג אין ווילנער יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. לויפן מיינע אויגן פון בילד צום יידן און פון יידן צום בילד און איך קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין: ווי קומט דאָס מיר אַזוי גוט־באַקאַנטע בילד צו דעם אומבאַקאַנטן יידן און דער עיקר — פון וואַנען וויס דער פרעמדער ייד, אַז איך בין געווען איינער פון די מתעסקים פון דער אויסשטעלונג, פלאי פלאים!

— אַנו, איר דערקענט? לאָזט מיר דער ייד זיך צופיל נישט ראַיען אין די דורכן בילד אַרויסגערופענע געדאַנקען און זעאונגען פון דעם שוין אַזוי ווייטן און אַזוי נאָענטן אַמאָל.

— די שלום עליכם־אויסשטעלונג פון ייוואָ אין 1934.

— ריכטיק! — באַשטעטיקט ער מיט צופרידענער זיכערקייט, ווי ער וואָלט לכל הפחות אויף דעם „עקזאַמען" פאַרטראַטן די אויספיר־ביוראָ פון ייוואָ. איז דאָך טאַקע גוט וואָס כ'האָב איך געטראָפן. און ווי ער וואָלט גע־לייענט מיינע פאַרוואונדערטע געדאַנקען גיט ער גלייך צו:

— איך קוק אויף אייך און טראַכט: ניט שוין זשע איז דאָס טאַקע יענער בחורל וואָס האָט געלערנט די פרשה שלום־עליכם מיטן עולם אין דער יידי־שיסטישער קלויז? עפּעס איז דאָס יע דער, און עפּעס ניט, צופיל געעלטערט. און פון דער אַנדער זייט, וואָסי דער חידוש, אנשי שלומנו האָבן ווייניק דורכגעמאַכט? האָב איך באַשלאָסן צו פאַרקנייטשן דעם דף און צוגיין פרעגן דעם בעל־דבר אַליין. וואָסי, אָפּשמייסן וועט מען דאָך מיר נישט דערפאַר... ט'איצטער זאָגט אַליין, איז דאָס ניט מעשה נס, אין איינע פאָר טעג דאַרף איך גיין און געפינען די פאָטאָגראַפיע אין אַ צעוואַלגערטע יידישע דירה און אין אַ פאָר טעג אַרום זיך אָנטרעפן מיט אייך, ליטשנע אָפּצוגעבן דעם אַלטן גרוס.

— געדענקט איר מיר פון דער שלום־עליכם־אויסשטעלונג? — קען איך זיך ניט אָפּוואונדערן.

— אַ קשיא אַזעלכע, פון וואַנען דען זאָל איך אייך געדענקען? אַזוי פיל יאָרן מיט געברענט און געבראָטענע צרות אריבער, און איר שטייט מיר פאַר די אויגן אין קורצע הייזלעך מיטן רויטן שניפּס און ווערט נישט זאַט און מיד פון ריידן, דערציילן, אויפקלערן און דערקלערן מאי דקמרא ר' שלום־עליכם, און שיט דערביי מיט פאַקטן, דאַטן און מפרשים ווי פון אַרבל אַרויס. איך בין דאַן געווען אַ ישיבה־בחור פון דער צווייטער כיתה ראַמיילעס, געקומען ניט לאַנג פון ביט־הי. אַזוי ווי ס'איז געווען יום־טוב און איך האָב במילא ניט געהאַט וואו זיך אַהינצוטאָן, האָב איך צוגעשפּאַצירט צו זען די אומזיסטיקע



שלום עליכם־אויסשטעלונג אין ווילנער ייוואָ

אויסשטעלונג וועגן משורר שלום־עליכם. גרופּעסוויז, געדענק איך ווי היינט, האָט מען דעם עולם געפירט איבער די צימערן און עטאַזשן. געמיינט האָב איך אַז די יידישיסטישע ראש־ישיבה, זלמן רייזען אָדער שאַבאַדס איידעם, וועלן לערנען פּשט מיטן עולם. ערשט איך דערזע אַ יינגל, אין קורצע הייזלעך מיט אַ רויטן שניפּס, פון די יידישיסטישע שומרים, איז דאָס אויף דער אויסשטעלונג אַ גאַנצער כל ולך. זאָגן אייך אַז די מעשה איז מיר שטאַרק געפעלן, קען איך ניט. עט, האָב איך מיר געטראַכט, ווייס איך וואָס דער יינגל וועט דאָרט אָנ־פּלאַפּלען. האָב איך בעסער באַטראַכט די טישן מיט די באַהאַנגענע ווענט און זיך צוגעהערט מיט איין אויער. אָבער וואָס איך האָב געהערט איז געווען אינטערעסנע צו הערן, וואָרעם דער יינגל, האָט מען געזען באַשיינפּערלעך, האָט געקענט די מעשה ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. האָב איך מיר געטראַכט, אַז אָנ־געדרייטע קאַטערינקע. פאַראַן ביי אונדז אין ישיבה אַזעלכע „קענער״, וואָס לערנען אויס אויף אויסווייניק אַ פּאָר בלאַט גמרא מיט תוספות און האַקן עס אָפּ ווי אַ מזמור. ווי זאָגט אונדזער רבי ר׳ משה: קיין גרויסע מעשה איז דאָס ניט. פון קיין זובריל אַליין, וועט נאָך קיין צווייטער ווילנער גאון נישט אַרויס־

וואַקסן. דער עיקר איז אַן אייגענער וואָרט, אַן אייגענער קוק און אַ שטיקעלע אייגענער פּירוש.

שפּעטער, אַז דער עולם האָט גענומען שיטן מיט קשיות און דער בחורל האָט אויף זיי אַלע געגעבן אַזעלכע גלאַטע תירוצים און ענטפערס, האָב איך דערזען אַז ער איז שוין גאָרניט פון יענע „צווויי פאַר אַ פּיאַים", ווי מיר האָט זיך אויסגעדוכט. וואָס לענגער איך בין אים נאָכגעגאַנגען, און וויפל מאָל — אַוודאי פינף און אפשר מער — איך האָב מיט אים אַדורכגעשפּאַצירט איבער די צימערן, האָב איך יעדן מאָל געהערט עפּעס נייס דערציילן פאַר די נייע גרופּעס, וואָס ער האָט פריער נישט געזאָגט.

ווען איך בין מנחה למעריב אַוועק אַהיים, האָב איך מיטגעטראָגן אַזאַ מין זאַך, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ שטיק נייס, אָבער איך האָב דאָס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן און געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן: הייסט עס, טאַקע, אַז ניט נאָר אין ישיבה, נאָר אפילו ביי די יידישיסטלעך, זיינען אויך פאַראַן לערנער, קענער און עלוים. טאַקע נישט פון אונדזער הייליקער גמרא, אָבער פון אַזעלכע מיני יידישע ספרים און ביכלעך, וואָס זיינען מיט יידן און יידישקייט, זע איך, גאַנץ וואַזשנע מחותנים. אַ סימן: מיט וויפל יראת הכבוד דער בחורל האָט גערדשנט וועגן לומדי תורה, רבנים, חכמים, סופרים און סתם יידן און יידישקייט. און מיט וויפל אמונה אין אונדזער זעלבן אַלטן נצח ישראל לא ישקר, אַז איך האָב געזען בפועל ממש, אַז מיט זיין גאַנצער אפּיקורסות איז ער פאָרט אַ נאַש־בראַט! וואָס־זשע, פרעגט זיך אַ קשיא, מאַכט מען ביי אונדז אַזוי אַוועק מיט דער האַנט, די יידישיסטלעך מיט זייער יידישקייט? — תיקו.

וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, די באַגעגעניש מיטן יידישיסטישן בעל־דרשן אויף דער שלום עליכם־אויסשטעלונג, איז מיר פון זינען ניט אַרויס. וואָס מער איך האָב פון דעם געטראַכט, אַלץ מער קשיות האָבן זיך אָנגעקליבן. וואו זוכט מען און מען געפינט דעם תירוץ? איך בין געגאַנגען צום סאַמע מקור.

איך האָב אָנגעהויבן אָפּטער זיך אַריינכאַפּן צו ר' חייקלען אין סטראַשון־ביבליאָטעק און אַריינקוקן אין אַ יידישן ביכל. זיך אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר מאָל אויף לעקציעס וועגן דער השכלה אין ווילביג און אפילו אַוועק אין פאָלקס־טעאַטער. ווען איר זאָלט וועלן, קען איך אייך נאָך היינט איבערדערציילן די שפּיל פון „קידוש השם" און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", איך וועל די אָוונטן ניט פאַרגעסן כל־זמן איך וועל לעבן, כאָטש איך בין געזעסן אין אַ פינצטערן ווינקל אויף דער גאַליאָרקע און געוויינט ווי אַ קינד.

פון ישיבה וואָלט איך אָבער צוליב די אַלע שיינע זאַכן נישט אַוועק. וואָס קען שאַדן אַ יידן אַ בלאַט גמרא? אַוועק בין איך ווערן אַ קרעמער, ווייל ס'האָט בינו לבינו פאַרפעלט „פּאַפּע" אין שטוב און מ'האָט געמוזט זוכן אַ וועג, צוצושטוקעווען עפּעס צו דער פרנסה. ביי דער קרעמעריי בין איך נאָך אַ נעענטערער מחותן געוואָרן מיט די יידישע ביכלעך און די אַנדערע יידישע זאַכן.

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן, ווי ער וואָלט עפּעס איבערגעטראַכט, און געזאָגט:

— נו, איצט איז שוין אַלץ איינס. פון אַלע יידישע מחותנים איז פאַרבליבן איין באַרג אַש. און ער האָט פּלוצלונג אָפּגעהאַקט.

און איך, איך בין געשטאַנען אים אַנטקעגן און — געהאָלפן שווייגן. דער אומדערוואַרטער גרוס מיט דער פאָטאָגראַפיע, האָבן מיר אינגאַנצן צעחושט. איך בין אַוועקגעשוואומען אין יענע טעג, צו וועלכע דער אומבאַקאַנטער ייד האָט אַזוי פּלוצלונג צעעפנט אַ טיר. איך האָב נישט באַוויזן אים צו פרעגן, ווי ער הייסט, פון וואַנען ער קומט, וואוהין ער קלייבט זיך אין וואַנדער. איך ווייס אפילו נישט, אויב איך האָב אים כאָטש אָפּגעדאַנקט פאַר זיין אָנדענק־גרוס. אַ ווײַלע — געדענק איך — זיינען מיר געשטאַנען ווי צוויי טרויעריקע אבלים איבערן מת, און ווען איך בין צו זיך געקומען, איז שוין דער ייד געווען אַוועק צווישן דעם עולם, וואָס האָט געשטראָמט און געאײַלט וואָס גיכער זיך אָפּצוטאָן פון דעם „פייערלעכן יום טוב״.

בלויז דאָס בילד איז מיר פאַרבליבן — אַ זכר פון אַן אויסטערלישער באַגעגעניש — ישיבה ראַמיילעס און ייווא.